**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/5/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול שרייבט אונטער לעגיסלאציע צו האלטן פאראנטווארטליך וואסער פארפעסטיגער**

***לעגיסלאציע (S.8763A/A.9824A) ציעט אויס שטאטוט פון באגרעניצונג צו ערמעגליכן פאר פובליק וואסער פארזארגער איינצוהייבן אן אקציע קעגן פארפעסטיגער***

***געזעץ ערמעגליכט פאר קאמיוניטיס מיט באאומרייניגטע וואסער די פעאיגקייט צו ווערן צוריקגעצאלט די הוצאות פון נייטיגע פילטרעישען אדער באהאנדלונג***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אונטערגעשריבן לעגיסלאציע (S.8763A/A.9824A) ערמעגליכנדיג פאר ארטיגע וואסער אויטאריטעטן צו נעמען לעגאלע שריטן קעגן טרונק-וואסער פארפעסטיגער פאר פאדערונגען וועלכע זענען פריער געווען צוריקגעהאלטן צוליב דעם שטאטוט פון באגרעניצונגען. ארטיגע וואסער אויטאריטעטן מעגן אין אלגעמיין נאר איינגעבן לעגאלע קלעימס קעגן פירמעס אינערהאלב דריי יאר פון ווען די בייזוויליגע פירונג אדער פארפעסטונג איז פארגעקומען.

״פאר יעדן ניו יארקער קומט זיך צוטריט צו ריינע, אפגעהיטענע און צוגענגליכע טרונק-וואסער,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״דורך אונטערשרייבן די לעגיסלאציע, וואס גיבט ארטיגע וואסער פארזארגער נאך א מהלך צו נעמען שריטן קעגן פארפעסטיגער און באקומען צוריקגעצאלט די הוצאות פון באהאנדלונג און אויספילטערונג, מאכן מיר זיכער נישט נאר אז מיר האלטן די פירמעס פאראנטווארטליך נאר אויך פריאריטיזירן די געזונט און וואוילזיין פון ניו יארקער.״

לעגיסלאציע (A9824.A/A8763.S) ערמעגליכט פאר פובליק וואסער פארזארגער אויפצולעבן סיי וואספארא אקציע, ציווילע פאדערונג, אדער גורם פאר אקציע אין וועלכע עס איז פארמישט אן אויפקומענדע פארפעסטונגס-מיטל וואס וואלט אנדערש געווען צוריקגעהאלטן וייל דער שטאטוט פון באגרעניצונגען האט שוין געהאט אפגעלאפן. דאס ערמעגליכט פאר ארטיגע וואסער מאכטן צו נעמען שריטן קעגן פארפעסטיגער אויף צוריקצובאקומען די הוצאות פון באהאנדלען און אויספילטערן אלס רעזולטאט פון באאומרייניגונג.

דער נייער געזעץ געבט פארזארגער ביז א יאר א האלב פון היינט אנגעהויבן צו ברענגען אקציעס קעגן פארפעסטיגער פאר פאדערונגען וועלכע וואלטן אנדערש צוריקגעהאלטן געווען אונטער׳ן שטאטוט פון באגרעניצונגען. אין צוגאב טוט די לעגיסלאציע דייטליך אויסטייטשן אויפקומענדע פארפעסטונגס-מיטל צו מיינען סיי וואספארא פיזישע, כעמישע, מיקראביאלאגישע אדער ראדיאלאגישע סובסטאנץ וואס איז אידענטיפיצירט אדער גע׳ליסט׳עט אלס אן אויפקומענדע פארפעסטונג אין פובליק געזונטהייט אדער סיי וועלכע אנדערע געזעץ.

**סטעיט סענאטאר דזשעימס גאוגראן האט געזאגט,** ״דער ביל האט ערקלערט די כוונה פון מיין ארגינעלע לעגיסלאציע צו ערמעגליכן פאר פובליק וואסער פארזארגער צו זוכן צוריקצאל אויף צוריק פאר שאדנס פון פארפעסטיגער און זיי האלטן פאראנטווארטליך פאר די קאסטן פון אויפרוימען פארפעסטונג פון אונזערע וואסער סופליי. איך אפלאדיר דעם גאווערנער פאר איר אנגייענדע אנטשלאסנקייט צו פארזיכערן אז ניו יארקער האבן ריינע טרונק-וואסער.״

**אסעמבלי-מיטגליד פרעד דאַבליו. טיעלע דזשוניאר האט געזאגט,** ״אויפקומענדע כעמיקאלן שטעלן פאר אן ערנסטע דראונג צו די אונטערערדישע אקוויפייער וועלכע פארזארגן אונזער טרונק-וואסער אויף לאנג איילענד. מיר זאלן נישט געצווינגען זיין צו צאלן העכערע ראטעס און שטייערן אויפצורייניגן די פארפעסטונג פאראורזאכט דורך אומפאראנטווארטליכע פארפעסטיגער. פארפעסטיגער זאלן געהאלטן ווערן פאראנטווארטליך פאר די שאדן וואס זיי האבן גורם געווען דא אין לאנג איילענד און איבער גאנץ ניו יארק סטעיט. דער ביל מאכט קלאר אז אין ניו יארק סטעיט איז דער פארפעסטיגער דער וואס צאלט. מיין הערצליכע דאנקבארקייט צו גאווערנער האוקול פאר׳ן באשטעטיגן די פשוט-שכל׳דיגע לעגיסלאציע, וואס גיבט נייטיגע ערהוילונגס-מיטלען פאר פובליק וואסער פארזארגער און באשיצט אונזער ענווייראָנמענט.״

**׳סיטיזענס קאמפיין פאר דע ענווייראָנמענט׳ עקזעקיוטיוו דירעקטארין עדריענע עספאסיטא האט געזאגט,** ״מיר נייטיגן זיך און עס קומט זיך אונז אלע ריינע וואסער, אבער מיר דארפן אויך צוגענגליכע וואסער. דער פובליק האט נישט פארפעסטיגט אונזערע וואסערן; ביזנעסער האבן. דעריבער זאל דער פובליק נישט דארפן צאלן פאר די הויכע קאסטן פון אויספילטערן. די לעגיסלאציע מאכט זיכער אז פארפעסטיגער קענען פראקורירט ווערן אויף צוריק און געהאלטן ווערן פאראנטווארטליך פאר טרונק-וואסער באהאנדלונג געברויכן. עס פארזיכערט אז פארפעסטיגער וועלן געהאלטן ווערן פאראנטווארטליך פאר די באדייטנדע קאסטן פון טרונק-וואסער סופלייס. דאס איז א ריזיגע געווינס פאר ריינע וואסער, צוגענגליכע וואסער און פובליק געזונטהייט באשיצונג. מיר זענען זייער דערפריידט אז גאווערנער האוקול האט אונטערגעשריבן דעם ביל און אפירגעצויגן דעם ציל פון ריינע, צוגענגליכע וואסער אין ניו יארק סטעיט.״

**לאנג איילענד וואסער קאנפערענץ פארזיצער קעווין דורק האט געזאגט,** ״דאס אונטערשרייבן דעם ביל אלס געזעץ איז אבסאלוט קריטיש פאר וואסער פארזארגער. עס וועט שטארק שטיצן אונזערע באמיאונגען צו האלטן פארפעסטיגער פאראנטווארטליך פאר באאומרייניגן און שטערקער מאכן אונזער פעאיגקייט צו באקומען צוריקגעצאלט די הוצאות פארבינדן מיט באהאנדלען פאר פארפעסטונג אין אונזער טרונק-וואסער סופליי. מיר באדאנקען זיך מיט׳ן גאנצן הארץ גאווערנער האוקול ווי אויך די מיטגלידער פון דעם סענאט און דער אסעמבלי פאר די שריטן וועלכע וועלן זיין א טובה פאר יעדע וואסער פארזארגער אין דעם ראיאן ווי אויך פאר די מיליאנען לאנג איילענדער וועמען מיר טוען אלע סערווירן.״

**פארזיצער פון סופאלק קאונטי וואסער אויטאריטעט באורד פעטריק האלפין האט געזאגט,** ״דאס אונטערשרייבן דעם ביל וועט העלפן זיכער מאכן אז די פארפעסטיגער, נישט שטייער-צאלער, צאלן פאר די הוצאות פון ארויסנעמען זייער פארפעסטונג פון אונזער וואסער. מיר ביי SCWA דאנקען גאווערנער האוקול פאר׳ן באשיצן SCWA שטייער-צאלער, אונזער צוטריט צו די גערירכטן און דער ענווייראָנמענט.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418